# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:02
מוצאי שב"ק....................9:31

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב י"ב-י"ג
בבלי..........................סוכה י"ז
ירושלמי....................נדרים ט'
תוספתא................מעשרות ב'
רמב"ם...............תרומות ה'

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ו אב, אבות פרק ג', שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 42 (509)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, דִי וָואךְ לֵיינֶען מִיר דִי הַפְטוֹרָה פוּן "שַׁבָּת נַחֲמוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּתִי א', נ"ז), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט טָאפְּלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה א', ח') "חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַיִם", זֵיי זֶענֶען טָאפְּלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ', ב') "כִּי לָקְחָה מִיַּד ה' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ", אוּן זֵיי וֶוערְן טָאפְּלְט גֶעטְרֵייסְט, "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" (יְשַׁעְיָה מ', א').

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דָאס וֶוערְן "טָאפְּלְט" גֶעטְרֵייסְט? וִוי אַזוֹי טְרֵייסְטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער? אוּן וָואס הָאט עֶס שַׁיְיכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן?

**דֶער עִיקָר טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַוְקָא וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אָנְהוֹיב דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט וַוייל ס'קוּמְט זִיךְ אִים.**

וֶוען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִין לֶעבְּן, סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אִים דָאס גֶעשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, **אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס אַלֶעס אִיז נָאר מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין גְרֶענִיצְן,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז דָאךְ אַלֶעס גֶעבְּן, עֶר וַוארְט נָאר צוּ הֶערְן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אִים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ", אוּן וָואס מִיר וֶועלְן נָאר בֶּעטְן, וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבְּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי הַכָּרָה, וֶוערְט עֶר גֶעטְרֵייסְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

אַלֶע צָרוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר וִויל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר אוֹיסְטֵיילְן צָרוֹת. וֶוען מְ'וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נָאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז אִיז נָאר צוּם גוּטְן, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט אִין לֶעבְּן.

מְ'קֶען אָבֶּער נִישְׁט וַוארְטְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מְ'וֶועט הָאבְּן אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, נָאר מְ'דַארְף אַלֶעמָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען מְ'אִיז מְסוּדָּר אוּן ס'רֶעדְט זִיךְ מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן סַיי וֶוען מְ'שְׁפִּירְט אִינְגַאנְצְן צֶעפָּארְן אוּן פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלְץ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְקֶערְט, אַמָאל קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ דַוְקָא וֶוען מְ'פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן צ"ט) דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", אַ אִיד דַארְף אַלְץ זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי מִיט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי אָן אַ גֶעפִיל, בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר, אוּן דַאן וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען זַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר מַעֲלָה זַיין אַלֶע תְּפִלּוֹת.

דָאס אִיז דִי טָאפְּלְטֶע נֶחָמָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זֶען אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען צוּ בֵּיידֶע סָארְט תְּפִלּוֹת, סַיי מִיט גֶעפִילְן אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן סַיי אָן דֶעם, וַוייל נָאר דוּרְךְ דִי פְּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וֶוען זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט, דַוְקָא דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קֶענֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט, אוּם שַׁבָּת נַחֲמוּ, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָנְצוּהוֹיבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי נִידְרִיג מְ'שְׁפִּירְט זִיךְ, וִוי גֶעפַאלְן מְ'זָאל נָאר זַיין, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן אִים הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ לְפָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוֹרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטֶנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶערְכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, דֶערְהַאלְט זִיךְ; בַּאלְד וֶוערְט טָאג, עֶס וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען נַאכְט. אַזוֹי הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד גֶעזָאגְט פַאר'ן אֱמֶת'ן בֶּן מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"א), וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דָאס דִי גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער וָואס מֶען הֶערְט אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג פַארְוָואס וֶוען דוּ קוּמְסְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין נָאמֶען? טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער, עַיֵּין שָׁם.

דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי יְשׁוּעָה, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען פַארְגֶעסְט בִּכְלַל אַז אַמָאל אִיז מֶען גֶעוֶוען אִין אַ צָרָה.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט
# (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס)

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. בְּנוֹגֵעַ דַיין יוּגְנְט, צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ **טֶערֶעפִּי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס)** ; דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (קַאנְפִידֶענְס) אִיז דוּרְךְ אֱמוּנָה. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ. נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אֱמוּנָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן פוּן אַלֶע קָאפְּדְרֵייעֶנִישׁ.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אוּן שְׁטַארְק. זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס, דֶערְצֵייל אִים זַאכְן וָואס קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט, דֶערְצֵייל אִים אַז דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער וְכוּ' הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין זִיכֶערְקֵייט וְכוּ' אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיט פְּחָדִים וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג אוּן דוּ וֶועסְט **זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אָן קַיין בִּלְבּוּלִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשע"ט)

# דַיינֶע שְׁוֶועגֶערִינְס זָאלְן דִיר נִישְׁט אַיינְטֵיילְן

אַז דַיינֶע שְׁוֶועגֶערִינְס לָאזְן דִיר נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן אוּן טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר. אַ חוּצְפָּה אוּן אַן עַזּוּת וֶוען שְׁוֶועגֶערִינְס מִישְׁן זִיךְ אַרַיין, זֵיי טֵיילְן אַיין וָואס צוּ טוּן. פָאלְג מִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מַאךְ אַ טִיקֶעט אוּן קוּם קַיין אוּמַאן; אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט פָארְן וֶועגְן אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס - דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף אִיר פָאלְגְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אָבֶער אַז דִי מִשְׁפָּחָה מִישְׁט זִיךְ אַרַיין זָאלְסְטוּ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר; קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן פְרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם, קוּם צוּם רֶבִּי'ן, דָארְט וֶועסְטוּ פוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס.

**לֵייג דַיינֶע שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס אוֹיף אֵיין זַייט וָואגְשָׁאל אוּן נֶעם דִי פָּאר דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן** וָואס הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוֹז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כָּרוֹז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר"; וֶועם וֶועסְטוּ אוֹיסְהֶערְן? **וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע?**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וֶוען יָא אוֹיסְצוּהֶערְן אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען דוּ דַארְפְסְט טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תש"פ)

>>>>>>

אַז דַיין דַאוֶונֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. וִוידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צוּם בֵּיישְׁפִּיל "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאו", עֶס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶער אַ "זִירָאו" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאו'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאו'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאו'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאו", אוֹיבּ אִיז אָבֶער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאו'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִיק זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְ זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל זַיין וואוֹיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קיג)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: פִילֶע אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

### תלג

מָאנְטָאג, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיבֶּער טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן, אוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס מְ'דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער אִינְמִיטְן טַאנְצְן, אַז דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן (שְׁמוֹת י"ט, ג') "וּמֹשֶׁה עָלָה", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט (שָׁם שָׁם, כ') "וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי, אַז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיבְן אוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּנְטְן.

עֶר הָאט זֵיי עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶס לִיגְט אַלְץ אוּנְטֶער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מְ'טוּט בַּיי אַ חֲתוּנָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס זָאגְן בַּדְחָנוּת, דָאס וָואס מְ'דֶעקְט צוּ דִי כַּלָה מִיט אַ דֶעק-טוּךְ, דָאס וָואס מְ'וַוארְפְט אוֹיפְ'ן חָתָן אוֹפִין, אוּן דֶער מִנְהָג צוּ גֶעבְן שַׁבָּת גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט בַּאֲרִיכוּת דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין אַלֶע עִנְיָנִים וָואס מְ'טוּט בַּיי חֲתוּנוֹת.

[דָאס רוֹב אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן, אוּן דָאס בִּיסְל וָואס ר' יוּדְל הָאט גֶעדֶענְקְט הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעדְרוּקְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ו, עַיֵּין שָׁם].

### תלד

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם פוּן שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִינְגֶענְדִיג אוּן טַאנְצֶעדִיג, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט פַאר ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, "גֵייט אַוֶועק פוּן דָא, וַוייל יֶעצְט דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט זֵיי, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ", אוּן זֵיי זֶענֶען טַאקֶע אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיס גֶעטוּמְל פוּן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דַאן גֶעטַאנְצְן זֵייעֶר אַסַאךְ, פוּן פַאר נַאכְט, בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אַרַיין אִין דִי נַאכְט פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

### תלה

דִינְסְטָאג, שִׂמְחַת תּוֹרָה, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי רֶבִּי נָתָן, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי זְמִירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרַאפֶּעט אוֹיף דִי וֶוענְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אָדֶער כָאטְשׁ אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע טֶעג, אוֹיף שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז גְלַייךְ נָאךְ הַבְדָּלָה וֶועלְן זֵיי אַרִיבֶּערְפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב נָאנְט צוּ הַאלְבּ נַאכְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען הוֹיךְ, "צַהֲלִי וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת בְּרֶסְלֶב כִּי גָדוֹל בְּקִרְבֵּךְ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל", אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן.

בַּיים רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ נָאךְ דַאן גֶעפוּנֶען אַסַאךְ אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט מְזוֹנוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אִינְאֵיינֶעם.

נָאךְ אַ שָׁעָה אִיז דֶער בַּעַל עֲגָלָה גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף שׁוֹין צוּרִיק פָארְן, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אַזוֹי גֶעדִינְגֶען, אַז עֶר זָאל זֵיי טְרָאגְן פוּן נֶעמִירוֹב קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן וַוארְטְן דָארְט אוֹיף זֵיי פַאר אַ שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק פָארְן נָאךְ יֶענֶע נַאכְט, כְּדֵי מְ'זָאל נִישְׁט וִויסְן אִינְדֶערְהֵיים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן נֶעמִירוֹב הָאבְּן טַאקֶע זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער פַאר רֶבִּי נָתָנְ'ן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעבְן אוֹיף שְׁפֶּעזְן", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים. אִיז רֶבִּי נָתָן טַאקֶע דָארְט גֶעבְּלִיבְּן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען שְׁטַארְק מִיטְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש זי"ע, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן כָאטְשׁ וָואס סְ'אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויסְנְדִיג אַז נָאר אִין דֶעם לִיגְט מַיין יְשׁוּעָה.

מִיט דִי צַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ זֶע אַז נִישְׁט אַלְץ קוּמְט אָן דִי יְשׁוּעָה וָואס אִיךְ דַארְף, אִיךְ קֶען בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גָאר אַסַאךְ מָאל, אוּן דִי יְשׁוּעָה קוּמְט נִישְׁט אָן. אִיךְ וֵייס אוּן אִיךְ גְלוֹיבּ אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט עֶס פַאר וִויכְטִיגֶערֶע זַאכְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה מַאכְט דָאס שְׁוֶוערֶער דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִיךְ דַארְף דָאךְ יֶעצְט דִי יְשׁוּעָה אוֹיף וָואס אִיךְ וַוארְט.

לָאמִיר עֶס מַסְבִּיר זַיין מִיט אַ מָשָׁל, אַז אֵיינֶער זָאל מִיר זָאגְן אַז אוֹיבּ אִיךְ שְׁלֶעפּ אַ רִיזְן הוֹיפְן צִיגְל וֶועט עֶר מִיר צָאלְן פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, וָואלְט אִיךְ גֶעלָאפְן עֶס טוּן אֲפִילוּ סְ'אִיז שְׁוֶוער. אָבֶּער וֶוען עֶר הוֹיבְּט מִיר אָן זָאגְן אַז עֶר גֵייט מִיר נָאר צָאלְן יֶעדֶע צְוָואנְצִיגְסְטֶע אָדֶער דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל וָואס אִיךְ שְׁלֶעפּ עֶס, אוּן סְ'קֶען זַיין עֶר וֶועט מִיר אִיגְנָארִירְן, אוּן סְ'קֶען זַיין עֶר וֶועט עֶרְשְׁט צָאלְן אַ יָאר אַרוּם, אָדֶער וֶועט עֶר מִיר טוּן אַנְדֶערֶע טוֹבוֹת אַנְשְׁטָאט דֶעם; דַאן פַארְלִירְט מֶען שׁוֹין דִי חֵשֶׁק פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן מְשָׁלִים אוּן תּוֹרוֹת, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעטוּן מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק, אָבֶּער אַז אִיךְ זֶע אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, פַארְלִיר אִיךְ דִי חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם.

אִיךְ רֶעד נָאךְ וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער זִיךְ צוּרִיק אָנְצִינְדֶען דִי אָרְגִינֶעלֶע חֵשֶׁק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין דֶעם וֶוען כְ'הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִין מִיר אוּן נֶעבְן מִיר'; דֶעמָאלְט רֶעדְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיינְס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען שְׁלֶעפְּט צִיגְל, דֶעמָאלְט אִיז דֶער מָשָׁל נִישְׁט דוֹמֶה צוּם נִמְשָׁל.

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אַזוֹי וִוי אָטֶעמֶען; אַזוֹי וִוי קֵיינֶער עֶרְוַוארְט נִישְׁט עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַ יְשׁוּעָה וֶוען עֶר אָטֶעמְט, מֶען עֶרְוַוארְט נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס בַּיים אָטֶעמֶען, יֶעדֶע אָטֶעם אִיז אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְן; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְן, מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וִויל נָאר זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּ זַיין חַבֵר לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן כָּל מִינֵי זַאכְן, עַל דָא וְעַל הָא, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט אִים נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי 'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס' – דָאס מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט צוּ הֶערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

טוט - בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת טֵיילְן אָפּ צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶּער; דָאס מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף דֶעם; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ וִויל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס מִיט מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַזוֹיפִיל שָׁעָה צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר - גֵייט מִיר דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער, פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר? אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אִיךְ וִויל דִיר זֶען, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר".

דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר אוּן הֶערְט דִיר אוֹיס, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ שְׁלֶעפְּסְט שְׁוֶוערֶע צִיגְל וְכוּ', דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## נייע מקוה געגאסן אין שטעטל

דער שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי, בליעט און וואקסט ברוך ה' אויף גאר א שיינע פארנעם, מען זעט מיט די אויגן ווי עס ווערט אויפגעשטעלט א הערליכע אידישע שטאט אויפ'ן הייליגן רבינ'ס נאמען, עס קומען צו כסדר פרישע חשובע איינוואוינער, משפחות וואס זוכן אויפצוציען זייערע קינדער אויפ'ן וועג פון אמונה, אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז, אונטער די הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אזוי ווי דער שטעטל האט זיך ברוך ה' אזוי שיין און גרויס צעוואקסן, איז שוין דאס היינט עטליכע בתי מדרשים אויפ'ן לענג און ברייט פונעם שטעטל, און די וואך האט מען ברוך ה' געגאסן א נייע מקוה ביים בית המדרש "עצתו אמונה" אין שטעטל.

שוין א צייט צוריק האט דער ראש ישיבה שליט"א באאויפטראגט די חשובע תלמידי חכמים פונעם כולל היכל הקודש, גרינטליך דורכצולערנען הלכות מקוואות און דורכטון דעם גאנצן שווערן נושא, אנגעהויבן פון די ראשונים ביז הלכה למעשה, כדי צו קענען בויען מקוואות אין שטעטל. און זיי האבן טאקע דורכגעאקערט די שווערע הלכות, אינאיינעם מיט'ן חשוב'ן דיין, הרה"ג מו"ה יונה זינגער שליט"א, און יעצט איז געקומען די צייט צו טון הלכה למעשה און גיסן די נייע מקוה.

די גאנצע ארבעט פון בויען די מקוה איז געטון געווארן בלויז דורך אידן יראי ה', תלמידי היכל הקודש, אנגעהויבן פון דאס גראבן ביז נאכ'ן גיסן די צעמענט, און איז באגלייט געווארן דורך חשובן דיין שליט"א, וואס געבט דעם הכשר אויף די מקוה.

ביים גיסן די מקוה דעם דינסטאג, האט דער ראש ישיבה שליט"א אראפגערופן דעם גרויסן מומחה הרה"ג מו"ה יצחק טריגער שליט"א וואס איז פון די גרעסטע מומחים אין די נושא פון מקוואות איבער די וועלט, ווי אויך דער וויזניצער דיין שליט"א, און נאך עטליכע דיינים, צו באגלייטן דאס בויען, אז די מקוה זאל זיין דאס בעסטע וואס קען נאר זיין, אויסגעצייכנט מיט אלע חומרות און הידורים.

די רבנים און דיינים וואס זענען אנוועזנד געווען, זענען שטארק איבערגענומען געווארן פון די בקיאות פון די כולל אינגעלייט אין הלכות מקוואות, די רבנים האבן דורכגעטון מיט די אינגעלייט די שיטות און מהלכים פון די שווערע פארצווייגטע הלכות, און האבן געהאט א תענוג רוחני צו רעדן מיט זיי אין לערנען.

די רבנים האבן נישט געקענט אויפהערן באוואונדערן די תמימות און זריזות פון די אינגעלייט צוזעענדיג ווי זיי כאפן זיך צו צו די גרויסע מצוה מיט א שמחה של מצוה, און בפרט ווען עס איז באוויסט די גרויסע סגולה פון בויען מקוואות צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, און די אינגעלייט וואס זיצן באהלה של תורה א גאנץ יאר, האבן געטון מיט די גרעסטע זריזות די עבודת הפרך פון גראבן און בויען און גיסן צעמענט.

נאכ'ן גיסן די מקוה איז פארגעקומען א מסיבת לחיים אין בית המדרש "עצתו אמונה", וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון בויען א מקוה, און שטארק מחזק געווען די כולל אינגעלייט.

**מקוה ישראל ה' מושיע!**

***

## וואלונטירן ביים בנין היכל הקודש אין אומאן

פילע אידן גרייטן זיך שוין אויף די נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

אין אומאן קומט יעצט פאר העפטיגע ארבעט ביים בנין היכל הקודש, צוצוגרייטן דעם בנין אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם, צו קענען אריינעמען די פילע אנשי שלומינו וואס ווילן מיטהאלטן א געהויבענעם ראש השנה אין אומאן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

אזוי ווי עס איז ערווארטעט גאר א גרויסער עולם דאס יאר אין אומאן, זוכט מען וואלונטירן וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט אין אומאן אין די טעג פון ארום ראש השנה.

עס זענען דא פארשידענע סארט ארבעט פאר יעדן איינעם, צום ביישפיל צו נעמען אחריות אויף די קאווע אז ס'זאל זיין קער געגומען אין לויף פונ'ם גאנצן יום טוב, אויף די סעודות אז ס'זאל ווערן צוגעגרייט אדער אראפגערוימט, זיך אפגעבן מיט'ן מסדר זיין די שול ווי עס דארף צו זיין, אלעס מיט די הילף פון ארטיגע ארבייטער, נאר זיכער צו מאכן אז זאכן ווערן מסודר, און אזוי ווייטער איז דא נאך אסאך חלקים פונעם יום טוב, וואס די גאנצע עול פאלט נאר אויף געציילטע אינגעלייט, און מ'דארף האבן פרישע כוחות צוצולייגן א האנט און נעמען אחריות אז זאכן זאלן פארן ווי עס דארף צו זיין.

ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה, קען רופן 347-452-1936. אויך קען מען רופן דעם זעלבן נומער צו דינגען א בעט אינעם בנין פאר ראש השנה תשפ"ב הבעל"ט.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## רעגיסטראציע שנת תשפ"ב

אין די יעצטיגע טעג שיקן מיר ארויס די רעגיסטראציע בויגנס פאר אלע עלטערן פון די מוסדות, פאר די קומענדיגע לערן יאר שנת תשפ"ב לפ"ק.
מאכט זיכער צוריק צו שיקן די צעטלעך ווי פריער דורך פאסט, פעקס, אדער אימעיל. די מוסדות האבן זיך ב"ה זייער צעוואקסן, און מיר וועלן נישט קענען האבן א פלאץ פאר אייער קינד, אויב איז דאס קינד נישט איינגעשריבן באצייטנס.

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד
אלי קנאלל
**718-506-4341**

Plan it Rite
Travel the right way

# עצתו אמונה אויף פּאָסט



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
**718-387-2691 #3**
**subscribe@kerenhadfusa.org**

# מעשיות פאר קינדער

**פילע אינטערעסאנטע שפאנענדע מעשיות פון צדיקים, דערציילט פאר קינדער מיט געשמאק, דורך חשובע מלמדים יראי ה'**

## קול ברסלב

**212-444-9191**
**1, 7, 3**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**